# עונג יום טוב



גוט יום טוב אלע אידן. פאר דעם בחור לוי מעקלאוויץ (נישט זיין עכטע נאמען) איז דאס לערנען גמרא אין ישיבה נעבאך געווען זייער שווער. עס איז געווען דעמאלט בערך זען יאר נאך די צווייטע וועלט מלחמה אין אמעריקא. דער בחור לוי האט געלערנט אין אן אמעריקאנער ישיבה. אסאך בחורים פון זיין כיתה זענען געגאנגען נאכדעם שטודירען אין אוניווערסיטעטן, רח"ל. אזוי איז נעבאך געווען אין יענע יארן אין געוויסע קרייזן. לוי האט זיך פארגעשטעלט אז וויבאלד אז ער האט געוואלט סיי ווי גיין אין דעם אוניווערסיטעט, איז פארוואס זאל ער צוברעכן דעם קאפּ ביים לערנען? וועגן דעם האט ער זיך נעבאך נישט געוואלט "מטריח" זיין צו לערנען ווי עס דארף צו זיין. פארשטייט זיך אז וועגן דעם האט ער נישט געשפירט קיין ריכטיגע טעם אין לערנען.

לוי האט געהאט א חברותא וואס האט געהייסן נפתלי קליין (נישט זיין עכטע נאמען). נפתלי האט געשטופּט לוי צו לערנען פלייסיג, אבער גארנישט האט געהאלפן. לוי איז פשוט נישט אינטערעסירט געווען צו לערנען, רח"ל.

איין טאג איז לוי אנגעקומען שפעט צום שיעור, על פי דרכו. דער רבי האט געוויזן זיין אומצופרידענקייט מיט דעם וואס לוי איז נאכאמאל געקומען שפעט. זיין רבי אין נישט געווען צו שטרענג מיט אים. נאר, איז דער רבי פשוט אנטוישט געווארן צו זיין ווי ווייניג לוי'ס חשק איז טאקע געווען צו לערנען די הייליגע תורה. לוי האט שטאטליך גענומען זיין בבא מציעא גמרא און ער איז אן-קיין-חיות אריבערגעגאנגען צו זיין חברותא נפתלי. נפתלי האט אנגעהויבן צו לערנען מיט א ברען: "לימא מתניתין דלא כבן ננס..."

"בן ננס?... אזוי הייסט ער באמת?!" האט לוי געזאגט מיט אן עזות. "וואס גייט מיך אן סי ס'איז לויט בן-ננס אדער נישט!" האט לוי געזאגט ווייטער. און מיט די ווערטער האט ער פארמאכט די גמרא און ער האט זיך אויפגעשטעלט און ער איז ארויסגעלאפן פון דער ישיבה.

נפתלי האט פרובירט צו כאפן לוי, אבער עס איז געווען צו שפעט. ליידער איז דער בחור לוי קיינמאל נישט צוריק געקומען צו ישיבה.

לאמיר גיין יעצט פופציג יאר שפעטער. דאס יאר איז געווען תשס"ו. הרב נפתלי קליין שליט"א איז געזיצן "אויבן אן" ביי די ישיבה דינער. אסאך פון זיינע תלמידים זענען געקומען צו מכבד זיין זייערע רבי'ן, "הרב נפתלי." צווי דורות פון תלמידים – בערך צוויי הונדערט יונגעלייט זענען דארט געווען יענע נאכט צו ווייזן זייערע הכרת הטוב פאר זייערע רבי'ן וואס האט זיי אויסגעלערנט די יסודות אין לערנען פאר א גאנץ לעבן.

נאכדעם וואס ר' נפתלי האט געענדיגט רעדן צום עולם, זענען צוגעקומען צו אים זיינע תלמידים. ר' נפתלי האט יעדען איינעם אויפגענומען מיט א שמייכעל און מיט גרויס ווארעמקייט.

נאך עטליכע מינוט, האט ר' נפתלי זיך אראפגעזעצט און יעדער איינער איז צוריקגעגאנגען צו זיין טיש, און זיי האבן ווייטער געגעסן די סעודה. ר' נפתלי איז געווארן פארטראכט וועגן אלע יארן וואס ער האט ב"ה זוכה געווען צו האבן א השפעה אויף די בחורים.

"דו ווילסט בהמה פלייש אדער טשיקען?" האט איינער א זעכסיג יעריגער קעלנער ("וועיטער") פלוצלינג געפרעגט ר' נפתלי, בשעת דער מענטש האט געהאלטן א גרויסען טאץ פיל מיט טעלערס און עסן.

ר' נפתלי האט ארויפגעקוקט אויפן מענטש און ער האט געזאגט אז ער וויל טשיקען. ווען ר' נפתלי האט ארויפגעקוקט האט ער געקוקט גראד אריין אין יענעם'ס אויגען. ר' נפתלי האט געזען אז יענער'ס אויגען זענען אנגעפילט געווארן מיט טרערן. יענער האט אפילו פרובירט אוועקצוקוקען. נפתלי האט דערקענט דעם מענטש.

"לוי?" האט ר' נפתלי געזאגט מיט אן פארוואונדערונג אין זיין שטימע. נאך א לאנגע רגע, האט לוי אים געענטפערט, "יא נפתלי, ס'איז מיך, דיין חברותא פון ישיבה טעג... איך ווייס יעצט..." האט לוי געזאגט וויינענדיק.

"דו ווייסט יעצט וואס?" האט נפתלי געפרעגט זיין אלטע חברותא פון פופציג יאר פריער. "וואס ווייסטו לוי?" האט נפתלי געזאגט נאכאמאל. "איך פארשטיי יעצט וואס די חילוק איז אויב די משנה גייט אזוי ווי בן ננס אדער נישט!" מיט דעם האבן די צווי זיך ארומגענומען אזוי ווי אלטער חברים.

נפתלי וואס האט זיך אריינגעלעגט אין זיינע לערנען איז געווארן ר' נפתלי שליט"א דער רבי מיט צוויי הונדערט תלמידים. לוי, וואס האט זיך נישט געוואלט מיגיע זיין אין תורה אלס בחור, איז נעבאך געווארן א שלעפער, א צובראכענער וועיטער אין א גרויסע זאל אין שטאט.

מען זעט פון דעם מעשה דעם ענין וואס ווערט אראפגעברענגט אין מדרש: "אין כבוד אלא תורה." זאגט די מדרש אויף די פסוק אין משלי: "כבוד חכמים ינחלו" (ג,לה) אז ווען די פסוקים אין תנ"ך דערציילן וועגן די ערשטע דורות אין די וועלט, טרעפט מען נישט דעם באגריף פון דעם "כבוד" פון א מענטש ביז עס שטייט "ויהי יעבץ נכבד מאחיו." (דברי הימים א: ד,ט) און פארוואס האט די פסוק באקרוינט יעבץ מיט "כבוד?" זאגט די מדרש, "על שיגע בתורה" – ווייל יעבץ האט זיך מיגיע געווען אין תורה. (מדרש רבה שמות לח,ה) עס איז משמע פון דא, אז די עיקר ענין פון לימוד התורה אי דער יגיע. (עיין גם בדברי כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א ב"בחצר הקודש" פ' במדבר תשס"ז). אפילו איינער האט אפשר נישט די כלים צו ווערן דער נעקסטער רוגאטשאווער גאון, איז דאס עיקר אין לעבן זיין יגיע אין תורה. זיין מאס כבוד אין לעבן איז אפשר טאקע לויט זיין יגיע אין לערנען.

יעצט אז מען שטייט גרייט מקבל צו זיין די תורה, לאמיר זיך אלע מתחזק זיין אין די ווערטער וואס מען זאגט יעדען טאג "כי הם חיינו ואורך ימינו..." וואס דער משנה ברורה זאגט אויף דעם אין דער הקדמה: "...שהתורה הקדושה היא בפשיטות מזון רוחני להנפש כמו הלחם שהוא מזון לגוף." די הייליגע תורה איז דאך דאס רוחניותדיגע עסען פאר די נפש, אזוי ווי ברויט איז עסן פאר דעם גוף. **גוט יום טוב אלע אידן.**

נתרם לרפו"ש של ר' דוד צבי מנחם בן חיה שרה, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח"י

**לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 362-3234 (845) כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו**

**(שבת קיח:) – נא לעיין בדף זה לאחר התפילה**

**גוט שבת אלע אידן.** דער מעשה די וואך איז א מוראדיגע געשעניש וואס מוה"ר יעקב שפירא שליט"א האט געהערט לעצטענס פון ר' מאיר פילטשיק הי"ו. דער מעשה איז געשען בערך צוויי יאר צוריק אין ארץ ישראל מיט א איד וואס מען גייט רופן ר' יצחק (נישט זיין עכטע נאמען). איין טאג האט ר' יצחק באקומען א שרעקליכען בריוו פון דעם רעגירונג אפיס אין ארץ ישראל וואס האט אחריות אויף שטייערן. זיי האבן געהאט ערנסטע טענות קעגן ר' יצחק וועגן שטייערן וואס זיי האבן געטענעט אז ער האט נישט באצאלט. בקיצור, איז ר' יצחק א גרער חסיד, און ער איז גלייך געגאנגען צום גרער רבי'ן שליט"א צו שואל עצה זיין.

דערנאך איז ר' יצחק טאקע אריינגעגאנגען צום זיין רבי'ן נאך א לאנגע ווארט. דער גרער רבי האט אים אויסגעהערט און נאכדעם האט ער אים געזאגט אז ער זאל גיין זוכן א איד וואס הייסט "משה שפירא." (אפשר א ווייטער קרוב צו ר' יעקב'ן.) דער גרער רבי האט נישט מסביר געווען וואזוי ר' משה שפירא וועט אים קענען העלפן.

אפילו אז ר' יצחק האט נישט פארשטאנען פארוואס ער האט געדארפט גיין צו ר' משה, האט ער געהאט אמונת צדיקים און ער האט ב"ה געפאלגט זיין רבי'ן. ווען ר' יצחק איז געקומען צו ר' משה, האט ר' משה אויך נישט פארשטאנען פארוואס דער גרער רבי האט געשיקט ר' יצחק צו אים. אבער, ר' משה איז דאך אויך געווען א חסיד, און ער האט געוואוסט אז ער וועט זיין דעם גוטען שליח, אפילו ער האט נישט געוואוסט פונקטליך ווי אזוי עס וועט אויסקומען.

בקיצור, בשעת ר' יצחק איז אנגעקומען באזוכן ר' משה, איז ר' משה געווען אויפן וועגן מנחם אבל צו זיין א איד וואס האט געוואוינט אין תל-אביב. וויבאלד אז ר' משה האט געוואלט טאקע דורכשמועסען דעם ענין מיט ר' יצחק, האט ר' משה געזאגט צו ר' יצחק אז ער זאל מיטפארן. ר' יצחק האט מסכים געווען און די צוויי האבן גענומען פארן קיין תל-אביב.

ווען די צוויי זענען אנגעקומען, האט ר' יצחק געוואלט בלייבן אין דעם קאר, ווייל ער האט נישט געקענט דעם אבל. אבער, ר' משה האט צוגערעדט ר' יצחק אז ער זאל מיטקומען מנחם אבל צו זיין יענעם. פארוואס זאל ר' יצחק נישט אריינכאפן א גרויסע מצוה? ווען זיי זענען ארויפגעגאנגען צום אבל האט דער אבל באמערקט צוויי גרער חסידים אריינקומען, און ער האט אנגעהויבן צו דערציילן זיין שייכות מיט גר חסידות.

דער אבל האט דערציילט ווי, יארן פריער, זיין טאכטער איז נאבאך געווארן זייער נישט געזונט, ל"ע. עס איז געקומען צו א מצב, ל"ע, אז זיי האבן איר געלייגט אויף אן "איי-ווי." דער טאטע פון דעם מיידל האט געשיקט איינעם צו זיין רבי'ן דער לב שמחה זצ"ל. דער רבי האט שטארק אנגעוואונטשן און ער האט געשיקט אן עפל דורך א בחור, אן ער האט געהייסן אז דער איד זאל עס געבן צו עסן צו זיין טאכטער. דער איד האט זיך געוואונדערט. ווי אזוי וועט ער קענען געבן דעם עפל צו זיין טאכטער, ווען זי איז געווען דאך אויף אן "איי ווי," ל"ע?!?

דער איד האט נישט געגלייבט אז עס וועט זיין מעגליך צו געבן דעם עפל פאר זיין קראנקע טאכטער. אבער, ער האט געהאט אמונת צדיקים, און ער האט געטראכט אז ער וועט שוין טרעפן א וועג.

נו, האט דער איד גענומען דעם עפל אהיים און ער האט עס געבאקן ביז עס איז געווארן זייער ווייך. דערנאך האט ער עס געברענגט צום שפיטאל און עס געגעבן פאר זיין טאכטער. צוביסלעך איז זיין טאכטער'ס מצב געווארן בעסער און בעסער, ביז א שטיק צייט דערנאך ווען זי איז ב"ה פאלקום געזונט געווארן.

ר' משה מיט ר' יצחק זענען געבליבן שטיל נאך אזא פלא'דיגע מעשה. אבער, אונזער מעשה גייט ווייטער... דער בחור וואס האט געטראגן דעם עפל צו דעם אבל אסאך יארן פריער, איז געווען ר' יצחק, דער איד מיט די פראבלעמען מיט די רעגירונג! און נאך מער הפלא'דיג איז געווען אז דער אבל האט געארבעט אין דעם שטייער אפיס. און נאך די שבעה האט יענער איד ערלעדיגט ר' יצחק'ס פראבלעמען אינגאנצן!

מען זעט פון דעם מעשה אסאך מוראדיגע ענינים, למשל השגחה פרטית, די כח פון א צדיק'ס ברכה, די חכמה פון א צדיק, די כח פון א מצוה, אמונת צדיקים, ועוד. לאמיר אבער אביסל רעדן פון איין ענין, אמונת צדיקים.

עס שטייט אין פסוק די וואך: "וידבר ה' אל משה לאמר. נשא את ראש בני גרשון וגו'." די פסוק איז אונז אפשר מרמז אז דער אייבערשטער געבט א כח צו צדיקים צו משפיע זיין גוטס אויף כלל ישראל. אזוי ווי דער הייליגער רמב"ן זי"ע איז מסביר אנפאנג פרשת במדבר, "נשא" איז א לשון פון אויפהייבן אין א רוחניותדיגע אופן.

איז לאמיר אלע אויסניצן אונזער נאנטקייט צו צדיקים צו קענען זיך אריינכאפן אין דעם כח פון דעם צדיק צו קענען אויפהייבן יעדן איד. **גוט שבת אלע אידן.**